MAYN LID

Abraham Joshua Heschel (1907 Warsaw – 1972 New York)

Kh'vil shenken dir – velt,
Dos geflekht[1] fun mayne glider;

Mayn vort, mayne hent,
Dos vunder fun mayne oygn.

Nem mikh tzu in dinst tzu dir
Un forvend[2] mikh tzu dayn nutz!

Shtel mikh avek
In fremdkeyt fun vokzaln,[3]

Vi bagrisung-statue
Far elnte *orchim...*

Nor mit freyd un verter ful in haldz

Un likhtikn vayzer[4]
Un zunike hent,

Shik mikh tzu brider farshikte,
Farshparte in *t'fises.*[5]

Shik mikh mit *b'sureh*
Un treyst[6] tzu *aveylim*

כ'וויל שענקען דיר – וועלט,
דאָס געפלעכט פון מיינע גלידער;

מיין וואָרט, מיינע הענט,
דאָס וווּנדער פון מיינע אויגן.

נעם מיך צו אין דינסט צו דיר
און פאָרווענד מיך צו דיין נוּץ!

שטעל מיך אוועק
אין פרעמדקייט פוּן וואָקזאַלן,

ווי באַגריסונג–סטאַטוּע
פאַר עלנטע אורחים...

נאָר מיט פרייד און ווערטער פוּל אין האַלדז

אוּן ליכטיקן ווייזער
אין זוניקע הענט,

שיק מיך צוּ ברידער פאַרשיקטע,
פאַרשפאַרטע אין תפיסות.

שיק מיך מיט בשׂוּרה
אוּן טרייסט צוּ אבלים

---

1 Geflekht – flight; glider – limbs

2 Forvendn – to convey, deliver

3 Vokzal – railway station, depot

4 Vayzer – faces ?

5 Farshpart – locked up; *t'fiseh* – prison (Hebrew, *t'fisah*)

6 Treyst – comfort

Mit hilf tzu di oreme,
Mit retung tzu di kranke,

Nem mikh far a fraynt!
Nem mikh far a knekht!

מיט הילף צו די אָרעמע,
מיט רעטונג צו די קראַנקע,

נעם מיך פאַר אַ פריינט!
נעם מיך פאַר אַ קנעכט!

Baym Koysl - בײַם כותל

Rivka Basman Ben-Hayim (1925 Lithuania – 2023 Israel)

Vos kh'hob dort arayngeshribn
Veys ikh nit.
Mir dukht a lid,
Aza farveynte lid
Fun *Tzeyne-Ureyne*-bleter.
Gevizn[1] hot zikh mir
Badakht[2] un klor,
Az *oysyes* sheydn zikh[3]
Fun *gufikn*[4] papir
Un vartn oyf barir[5]
Tzum oysleygn[6] a *t'chineh.*

Itzt shtey ikh ruik. Ru.
Di *oysyes* zaynen dort
Un Got vet zey gefinen.

וואָס כ'האָב דאָרט אַרײַנגעשריבן
ווייס איך ניט.
מיר דוכט אַ ליד,
אַזאַ פאַרוויינטע ליד
פון צאינה-וראינה-בלעטער.
געוויזן האָט זיך מיר
באַדאַכט און קלאָר,
אַז אותיות שיידן זיך
פון גופיקן פּאַפּיר
און וואַרטן אויף באַריר
צום אויסלייגן אַ תּחינה.

איצט שטיי איך רויִק. רו.
די אותיות זײַנען דאָרט
און גאָט וועט זיי געפינען.

---

1 Gevizn – shown
2 Badakht – careful, considered
3 Sheydn zikh – to separate, part
4 Gufik – physical (Hebrew *guf,* "body")
5 Barir – touch, contact
6 Oysleygn – to lay out; *t'chineh* – petitionary prayer

Tzum Shildkret[1]

Rivka Basman Ben-Hayim

Kh'bin nit vi du bapantzert[2]
Un oykh nit klug vi du.
S'fartroyt[3] mir nit mayn landshaft
Vi dir dos grin fun ru.

Un kh'veys nit vi tzu heyln[4]
Mayn vundikn fardros,[5]
Un kh'veys nit tzu dertzeyln
Vos du dertzeylst far groz.

כ'בין ניט ווי דו באַפּאַנצערט
און אויך ניט קלוג ווי דו.
ס'פאַרטרויט מיר ניט מײַן לאַנדשאַפט
ווי דיר דאָס גרין פון רו.

און כ'ווייס ניט ווי צו היילן
מײַן ווּנדיקן פאַרדראָס,
און כ'ווייס ניט צו דערציילן
וואָס דו דערציילסט פאַר גראָז.

Royzike Aleynkayt

Rivka Basman Ben-Hayim

Di royzn-bleter faln bislekhvayz arop
Un dekn tzu dem tish mit rozn regn,
Der tish vert plutzem a bakroynter
Mit tzirung[6] fun *farkisheften* farmegn.

A sheyne shtarbt di royz.
Un mit ir sheynkeyt
Baputzt[7] zi ale shrekn farn toyt.
In tzimer blaybt a royzike aleynkeyt,
Vos trift in zun arayn
Mit letztn royt.

די רויזן-בלעטער פאַלן ביסלעכווײַז אַראָפּ
און דעקן צו דעם טיש מיט ראָזן רעגן,
דער טיש ווערט פּלוצעם אַ באַקרוינטער
מיט צירונג פון פאַרכּישופטן פאַרמעגן.

אַ שיינע שטאַרבט די רויז.
און מיט איר שיינקייט
באַפּוּצט זי אַלע שרעקן פאַרן טויט.
אין צימער בלײַבט אַ רויזיקע אַליינקייט,
וואָס טריפט אין זון אַרײַן
מיט לעצטן רויט.

---

1 Shildkret – tortoise
2 Bapantzert – armored
3 Fartroyen – to trust
4 Heyln – to heal
5 Vundik – wounded; Fardros – resentment, chagrin
6 Tzirung – decoration, adornment; farmegn – possessions
7 Baputzn – to clean